בס"ד

שנה ד'
נומער 173
פרשת במדבר
תשפ"ג

# קרית ברסלב בעטל

## דערהויבענע נסיעה קיין ארץ ישראל ל"ג בעומר תשפ"ג



ל"ג בעומר אין שטעטל

**נייעס:** נסיעה קיין ארץ ישראל

**געדאנקען:** ציגארעטלעך אויפ'ן שווארצן מארק

**בילדער:** הערליכע בילדער פון ל"ג בעומר אין מירון

די פריילעכע טענץ אין די מערה

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.


צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty

במדבר כ"ט אייר תשפ"ג

הדלקת הנרות.........07:57
מוצאי שבת............09:28

מנחה מעריב נשא ... 09:05


3 היכל הקודש נייעס
נסיעה פונעם ראש ישיבה קיין ארץ ישראל



6 געדאנקען
ציגארעטלעך אויפ'ן שווארצן מארק



14 מיט א טיפערן בליק
קבלת התורה



18 סעודה מיט'ן ר"
פרשת אחרי קדושים



22 קלאסיפייד
ברסלב שטיבט ברסלב




30 בילדער
הערליכע בילדער פון אלע מקומות אין היכל הקודש ארום די וועלט




## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 19 | 67°/44° | | Partly Cloudy |
| Sat 20 | 67°/47° | | PM Showers |
| Sun 21 | 66°/47° | | Showers |
| Mon 22 | 67°/46° | | AM Showers |
| Tue 23 | 69°/47° | | Partly Cloudy |
| Wed 24 | 73°/50° | | Partly Cloudy |
| Thu 25 | 75°/52° | | Partly Cloudy |
| Fri 26 | 75°/54° | | PM Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן ר"כ"א


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעון קרדוזו הי"ו**
**וזוגתו נחמה מלכה תחי'**

**צום נייעם אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משה אייזנהארן הי"ו**
**וזוגתו בלומא תחי'**

**צום נייעם אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

היכל הקודש

# נייעס

מירון

## הערליכע נסיעה פונעם ראש ישיבה קיין ארץ ישראל ל"ג בעומר תשפ"ג



גאר א שיינעם נסיעה איז פאריבער פארגאנגענעם וואך, ווען דער ראש ישיבה האט זיך אריבער געכאפט קיין ארץ ישראל, צו זיין דארט אויף ל"ג בעומר.

דער ראש ישיבה איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל מיטוואך נאכט פרשת אמור, ווי ער האט זיך באלד געקערט קיין טברי' צום בית המדרש היכל הקודש, ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן א שיינעם שמועס פאר אנשי שלומינו אין גליל.

א שיינער ציבור פון אנשי שלומינו פון איבער גאנץ ארץ ישראל זענען זיך צוזאם געקומען אור ליום י"ד אייר צום הייליגן שטעטל מירון צו פראווען דעם בר מצוה פונעם זון פונעם ראש ישיבה הבחור נחמן נתן נ"י, וואס איז געפראוועט געווארן אין הויף פון בית המדרש פונעם זיידן, קארלסבורגער רב שליט"א וועלכע געפונט זיך שוין אינעם שטעטל מירון סמוך ונראה צום ציון פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי לכבוד דעם יום טוב ל"ג בעומר.

אויסער די זיידעס זענען געקומען צו פארן פון ניו יארק עטליכע פון אנשי שלומינו, אזוי אויך פון איבער גאנץ ארץ ישראל פון ירושלים, בני ברק, צפת, טברי', ביתר, בית שמש און אזוי ווייטער זענען פילע תלמידים פון ראש ישיבה שליט"א געקומען צו פארן זיך צו באטייליגן ביים בר מצוה וואס איז געפראוועט געווארן אויף א געהויבענעם פארנעם.

מען האט געהערט שיינע דרשות פון די גרויסע זיידעס כ"ק קארלסבורגער רב שליט"א וואס האט אנגעווינטשן זיין חשובע אייניקל ער זאל גיין אין טאטנ'ס וועגן און וואקסן אן ערליכער איד, אזוי אויך האט מען געהערט טייערע ווערטער פונעם זיידן הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א מווייטצען און אזוי אויך פונעם ראש ישיבה שליט"א וועלכע האט גערעדט איבער דאס וואס רש"י זאגט "להזהיר גדולים על הקטנים" אז מען דארף נעמען חיזוק פון די גוטע טעג ווען מען איז בבחינת "מוחין דגדלות" פאר די שווערע טעג.

פרייטאג פארטאגס האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט ביים נץ ביים ציון הקדוש אין מירון, ווי דער זיידע כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א האט געלייגט תפילין פארן בר מצוה בחור.

נאכן דאווענען איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויף מיט זיין פאטער אין די משפחה צום ציון פונעם תנא רבי יוחנן הסנדלר, דערנאך איז מען געגאנגען זיך משטתח זיין ביים ציון פונעם זיידן כ"ק גאב"ד קארלסבורג זצ"ל.

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט אז זיין זיידע פלעגט ערב שבת אהינגיין מתפלל זיין און זאגן קאפיטלעך תהילים ביי זיין חלקה וואס ער האט זיך אנגעגרייט בחיים.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן מיט זיין שווער הגה"צ ר' מרדכי אהרן מייזליש שליט"א פון ווייטצען מיט די משפחה צום ציון פון רבי מאיר בעל הנס, אבער מען איז למעשה נישט ארויס צוליב די געדרענג וואס איז דארט געווען. פון דארט איז מען צוגעפארן צום בית החיים אין טברי' ווי עס ליגט די תלמידי בעל שם טוב הקדוש.

פון דארט איז מען געפארן קיין צפת, ווי מען האט זיך משטתח געווען אויף די פילע קברי צדיקים אינעם אור אלטן בית החיים, און מען האט זיך געטובל'ט לכבוד שבת קודש אינעם מקוה פונעם אר"י הקדוש.

שבת קודש האט דער ראש ישיבה שליט"א געוויילט אין מירון במחיצת קדשו פון זיין טאטע כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א, קבלת שבת און מעריב האט מען געדאווענט ביים ציון, ווי דער קארלסבורגער רב שליט"א האט געזאגט א דרשה פאר קבלת שבת און אגעווארעמט דעם עולם איבער דעם גרויסן פלאץ ווי מען איז, מ'האט געזונגען פאר כגוונא

בר יוחאי און אמר רבי עקיבא ווי די מנהג איז.

מוצאי שבת קודש האט דער ראש ישיבה איבערגעגעבן אז מ'זאל קומען העלפן צוגרייטן פאר ל"ג בעומר, דער ראש ישיבה מיט די תלמידים האבן געהאלפן שיילן ירקות און צוגרייטן די מאכלים פאר דעם בעפארשטייענדן ל"ג בעומר.

זונטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט שחרית ביים ציון, נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה געלערנט אין די מערה מיט אנשי שלומינו זעקס שעה תיקוני זוהר.

מאנטאג ערב ל"ג בעומר האט מען זיך צוגעגרייט צום דערהויבענעם טאג וואס קומט שוין אט אט אן, מען האט זיך געגרייט מיט לערנען דעם הייליגן זוהר, און אזוי אויך אנדערע שיעורים כסדרן.

ביינאכט ווען עס איז געווארן די זמן, האט מען געדאווענט מעריב און דערנאך איז מען ארויס אין הויף פונעם בית המדרש קארלסבורג אין מירון, כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א האט אנגעראוועמט דעם עולם פארן אנצינדן די הדלקה אז יעצט איז א גוטע צייט זיך אויסצובעטן פאר אלעס וואס מען דארף ברוחניות ובגשמיות.

דערנאך איז מען צוגעגאנגען צינדן די הדלקה לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, מען האט אנגעהויבן מיט ווארימע ניגונים, און דערנאך איז מען אריין מיט גאר פרייליכע לעבעדיגע ניגונים ווי "לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי" און אזוי ווייטער, אלע פארזאמלעטע האבן געטאנצן און געשפרינגען אן אויפהער פאר אפאר שעה, דער ראש ישיבה האט יעדע פאר מינוט אריינגעשיקט אנשי שלומינו זיי זאלן טאנצן אינדערמיט קאדאטשקע.

שפעט ביינאכט נאכן טאנצן אין חצר פון בית המדרש איז מען ארויף צום חצר המערה און דארט האט מען פריש אנגעהויבן טאנצן מיט אלע אידן צוזאמען ניגוני ל"ג בעומר, די שמחה דארט איז געווען עפעס נישט צום באשרייבן, און עס האט זיכער אראפגעברענגט השפעות פאר גאנץ כלל ישראל.

דינסטאג ל"ג בעומר האט דער ראש ישיבה נאך די מקוה ווייטער געלערנט אסאך תיקוני זוהר. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געמאכט פיאות פאר זיין אייניקל נחמן נתן א זון פון הר"ר שלמה שליט"א, אין שטוב פונעם זיידן כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א.

מיטוואך אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט שחרית פארטאגס ביים נץ. און גלייך דערויף האט ער זיך ארויסגעלאזט קיין ירושלים ווי ער האט באזוכט אין בית המדרש היכל הקודש, און אין מיידל שולע, די אינגלעך אין חדר, און ביי די ישיבה קטנה בחורים. דער ראש ישיבה האט

אלעמען מחזק און מעודד געווען, זיך נאכגעפרעגט, און געענטפערט אויף די שאלות פון די מחנכים, געגעבן הוראות און אזוי ווייטער.

אום 3:00 האט מען געדאווענט מנחה אין בית המדרש, נאך מנחה האט דער ראש ישיבה געטיילט "תיקוני זוהר" פאר פילע אנשי שלומינו וואס האבן זיך מקבל געווען צו לערנען תיקוני זוהר.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א דף גמרא, און אריינגעפלאכטן געשמאקע דברי חיזוק. די גמרא רעדט דארט וויאזוי דוד האט מנצח געווען גלית, דער ראש ישיבה האט צוגעברענגט א זוהר וואס שטייט אז ער האט געווארפן אויף אים פינף שטיינדלעך, וואס איז געשטאנען דערויף "שמע ישראל", "ה'", "אלקנו", "ה'", און "אחד". דאס מיינט אז ער האט אים באזיגט מיט אמונה. ווען א מענטש האט אמונה ער גלייבט אינעם אייבערשטן, קען אים קיינער קיין שלעכטס טון.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פריוואט מיט פילע פון אנשי שלומינו, וואס האבן זיך געוואלט דורכשמועסן, און כאטש מען האט געדארפט געבן דעם שיעור 8:00, האבן זיך זאכן פארשלעפט, און דער ראש ישיבה איז אנגעקומען הערשט אום 9:00.

דער ראש ישיבה האט זיך מתנצל געווען, און געזאגט אז ער האט נאך היינט ניטאמאל געהאט צייט צו עסן, און האט פארשפעטיגט צוליב וואס ער האט עוסק געווען בצרכי ציבור. ביים שיעור האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די גרויסקייט פון תיקוני זוהר. און פארשפראכן פאר די בני ארץ ישראל אז נאכ'ן חתונה מאכן אלע קינדער, וועט ער מיטן אייבערשטנ'ס הילף אסאך קומען קיין ארץ ישראל. דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט דעם שיעור בערך 10:00 ווען ער האט שוין געמוזט גיין און כאפן דעם פליגער אהיים.

פאר א לענגערע און דעטאלירטע באריכט לייענט די בריוו פונעם ראש ישיבה אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".



קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# מודעה

אזוי ווי עס קומט יעצט א פרישע זומער סעזאן, ווילן מיר בעטן אלע משפחות אין שטעטל וואס האבן א דירה צו פארדינגען, אז עס איז נישט ערלויבט צו פארדינגען א דירה פאר בחורים, אן די רשות פון די הנהלה.

אזוי אויך ווילן מיר בעטן די וואס האבן א דירה צו פארדינגען פאר זומער זאלן פארדינגען די דירות פאר אנשי שלומינו דייקא.

פאר אלע שאלות וואס מאכט זיך נאר, קענט איר שטענדיג זיך מעלדן צו ר' מרדכי אהרן נ"י.

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024




# ציגארעטלעך אויפ׳ן שווארצן מארק

משה ארי׳ שניטצלער

איינס פון מיינע גאר שיינע זאכן אין שטעטל אין מיין דריי וואכן׳דיגע פסח-באזוך איז געווען ווען איך האב אריינגעטרעטן אין קרית ברסלב ספרים סטאר.

שוין זעקס וואכן פריער בין איך געווען עקסייטעד אז באלד גיי איך שוין קענען זען מיט מיינע אויגן די הערליכע קאלעקציע פון געפינטעלטע ספרים.

איינער פון מיינע טייערע חברים דא אין היכל הקודש זאגט מיר אלץ איך זאל זיך אכטונג געבן און בלייבן אין די ראש ישיבה׳ס בעיבי-קלאס, נישט ארויפגיין צו די פארגעשריטענע קלאס. בלייב פלאטשיג, ווער נישט טיף. האלט דיך מיט די בעיבישע זאכן פון זאגן משניות און רעדן שיין צו די ווייב. ווער מיר נישט פון די סאפיסטיקעיטעד מענטשן וואס האלטן די ווייב אזוי ווי א איבעריגע זאך. ווער מיר נישט פון די געריבענע מוחות׳לעך וואס לערנען גמרא אזוי טיף אז פרייטאג און שבת און זונטאג קען ער פשוט נישט לערנען מחמת עומק המעמיק וקוצר החשק. אויך נישט ראש השנה, יום כיפור, סוכות, פסח, שבועות, חנוכה, פורים, ועוד ועוד.

ווען דעם האב איך ליב געפינטעלטע ספרים, ס׳מאכט מיך פילן זייער כתה אלף׳דיג. קינדערגארטן׳דיג. ס׳מאכט מיך פילן אז "לא בשמים היא". די תורה איז פאר יעדן, יעדער קען ווערן א ערליכער איד מיט אפאר ווערטער פון משניות. אזוי ווי חז"ל זאגן כיון שקבלתם עליכם עול תורה, מעלה אני עליכם כאלו לא חטאתם מימיכם.

די הייליגע נקודות פון די משניות דערמאנט מיך צו בלייבן פשוט, דאווענען פשוט, זאגן משניות פשוט, דורכזאגן ש"ס פשוט, דאווענען מיט א סידור פשוט. רעדן שיין אינדערהיים פשוט.

דער ראש ישיבה זאגט אזוי: א טיפער מח דאווענט אויסענווייניג, אן א סידור, שפאצירט ביים דאווענען רעכטס און לינקס, א פשוט׳ער איד דאווענט אין א סידור, אויף איין פלאץ. א נס האב איך אז מוהרא"ש האט מיך געברעיינוואשד צו נישט זיין פון די טיפע קעפ וואס זענען נעבעך העכער פון דאווענען אין א סידור.

עס קומט א דאנק פאר אונזער טייערן מו"ה לייבי הי"ו פאר די הערליכע זאמלונג פון ספרים וואס איז נויטיג פאר תלמידי היכל הקודש.

איך קוק דארט ווייטער ביי די מעשה ביכלעך, כ׳האב שיעור נישט גע׳חלש׳ט, כ׳האב געוואלט אנכאפן די גאנצע פאליצע און ארויסוואקן דערמיט, הערליכע ביכלעך וואס דערציילן די גרויסקייט פון אונזערע צדיקים, רבינו הקדוש מ׳סאטמאר זכותו יגן עלינו, הגאון ר׳ משה פיינשטיין זכר צדיק לברכה, דער חזון איש זכותו יגן עלינו, הגאון ר׳ מאיר שפירא - לובלין׳ער רב, הגאון ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד - ירושלים׳ער רב, זכותם יגן עלינו.

ווייטער זע איך דארטן אויפ׳ן שעלף א ביכל אויף דעם באקאנטן איש האשכולות ר׳ יוסף פרידענזאן זכרונו לברכה. א געבוירענער אין לאדזש, א תלמיד פון לובלינער רב, הגאון ר׳ מאיר שפירא זכרונו לברכה. דאס האב איך שוין נישט געקענט ארויסלאזן פון מיינע הענט. ער איז געווען א באוואסטער שרייבער. איך פלעג אסאך ליינען פון אים. יעצט האט מען געמאכט א הערליכע ביכל, בעיקר פון זיינע מיטמאכענישן ביים קריג. פון דעם ערשטן טאג, י"ז אלול תרצ"ט, ביז צו זיין באפרייאונג, זעקס יאר שפעטער!!

כ׳האב אים איינמאל געזען. ס׳איז געווען א חול המועד, אונז זעמיר געווען אין דאונטאון מאנהעטען,



מ׳האמיר אריינשפאצירט אין די וועלט באוואוסטע וואלקן-קראצער-געביידע פון "עידי פאר (פיר און אכציג) וויליאם סטריט" מ׳זעמיר אריין אין זיין ביורא און געהאט א שיינע שמועס מיט אים. א פקח עצום געווען, יעדע ווארט וואס ער האט גערעדט איז געווען גינגאלד.

דעם ביכל האב איך נישט געקענט לאזן אין געשעפט!

א הארציגן דאנק פאר אונזער טייערן חבר לייבי נרו יאיר, פאר די ערליכע געשמאקע געשעפט. א פארגעניגן אריינצוקומען!

מ׳האמיר אויך געקויפט דא שפילצייג פאר די קינדער, זייער שיינע זאכן!

נאך א ביכל וואס איך האב געליינט די טעג איז "די לעצטע ווערטער פון מיין מאמען" פון מרת פאלאטשעק עלי׳ השלום, אשת הרב החסיד איש החסד והמעש ר׳ אברהם מרדכי פאלאטשעק זכרונו לברכה.

די ביכל האט דעם ריכטיגן סימן פון ליין מאטריאל וואס איז געבויט אויף אמונה און יראת שמים. יעדע צווייטע ווארט איז "ווייל מיר האבן א באשעפער" "א איד לעבט מיט׳ן באשעפער" און אזוי ווייטער.

איך האב געליינט מיט שפאנונג פון די גרויסע נסיונות נאכ׳ן קריג, ווי מ׳האט זיך געדארפט דראפענען אויף גראדע ווענט צו בלייבן ערליך. ס׳שטייט דארט ווי הרב החסיד המפורסם הרב ר׳ אברהם מרדכי זכרונו לברכה איז געגאנגען מיט מסירות נפש זיך אננעמען פאר׳ן כבוד פון שבת קודש. ס׳איז געווען מענטשן וואס פלעגן האנדלען אויפ׳ן שווארצן מארק מיט די ציגארעטלעך וואס מ׳האט באקומען פון די אמעריקאנער סאלדאטן נאכ׳ן באפרייען. שבת קודש איז נעבעך געווען מענטשן וואס האבן געהאנדלט מיט די ציגארעטלעך אזוי ווי ס׳וואלט געווען א פאלנער וואכנטאג, און ר׳ אברהם מרדכי פלעגט גיין אהין און פרובירן מבטל זיין די חילול שבת קודש. ס׳איז געגאנגען עד כדי מסירות נפש ממש.

אקוראט די זעלבע שרעקעדיגע מצב היהדות נאכ׳ן קריג האב איך געליינט אין נאך א מורא׳דיגע ביכל מיט׳ן נאמען "פארשפעטיגט די שיף". דארט באווייזט ער שווארץ אויף ווייס ווי אזוי ס׳האט אויסגעזען אין די די. פּי. לאגערן נאכ׳ן קריג. מ׳האט געמוזט קעמפן מיט ציין און נעגל נישט צו ווערן אוועק געשווענקט מיט די וואס זענען נעבעך אוועק געפאלן פון שמירת התורה והמצוות.

דער חשוב׳ער מחבר פון דעם ביכל "פארשפעטיגט די שיף", איז געווען א באוואוסטער דערהויבענער חסידישער איד הרב החסיד ר׳ משה יהושע צאנגער זכרונו לברכה. א פייערדיגער געשמאקער באבוב׳ער חסיד, מלא טעם זקנים. ווען מ׳ליינט דעם ביכל פארשטייט מען וואס רבינו הקדוש מ׳סאטמאר זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז א איד וואס איז געווען ביים קריג און ער לייגט נאך תפלין קען מען אים געבן א קוויטל. (מוהרא״ש ברענגט אן א שיעור מאל דעם מימרא פון סאטמאר׳ן רבי׳ן זכותו יגן עלינו)

אין פרק י״ב ברענגט ער א דאקומענט צו ווייזן פאר די שפעטערדיגע דורות ווי גרויס ס׳איז געווען דעמאלטס דער נסיון אוועקצופאלן פון שמירת התורה. ס׳איז געווען באלד נאכ׳ן קריג א מערכה מיט א באס וואס איז געפארן מיט א שרעקליכע חילול שבת בפרהסיא צו זען די דערנעבנדיגע שטאט "האנאווער", און די ערליכע אידן פלעגן מוחה זיין בתוקף ועוז. (עיין שם, פרק י״ב)

צווישן אנדערן ברענגט ער (דף 260) ווי מחללי שבת באנוצן זיך מיט ווערטער פון חז״ל פון די גרויסקייט פון עונג שבת. און שרייבן מיט פארדרוס פארוואס די ערליכע אידן שטערן זיי.

איך קען נישט ברענגען דעם גאנצן דאקומענט, ווייל ס׳איז ממש שרעקליך. איך ברענג נאר קורצע זאצן: "זיי האבן אטאקירט און בלאקירט דעם באס וועלכע טראגט (אום שבת קודש ה״י) די געליטענע אידן פון לאגער קיין האנאווער, וואו מען האט די מעגליכקייט צו זען און הערן ריכטיגע קונסט, וואו די מענטשן וועלכע ארבעטן א גאנצע וואך געניסן פון א אמת׳ן עונג שבת" (אוי, השם ישמרינו)

"עס ווערט געברענגט אז מען זאל באשיינען דעם שבת מיט וואס מען קען נאר, און געניסן פון דער שענסטער פארגעניגן וואס מען קען נאר האבן" (אוי באשעפער, א מחלל שבת בפרהסיא איז גענוג ביטער, אבער אז ער קען שוין לערנען איז שוין צוויי מאל ביטער!)

(מוהרא״ש פלעגט זאגן אז לבן און בלעם האבן גערעדט מיט אזעלכע לשונות אזוי ווי זיי זענען די עכטע תורה׳דיגע וועג און ס׳איז געווען גרינג זיך צו טועה זיין)

עס איז א גרויסע נס וואס דער אייבערשטער האט מיר געמאכט אז איך זאל אננעמען די ווערטער פון מוהרא״ש זכותו יגן עלינו אז ביי ליין מאטריאל

דארף מען ספעציעל אכטונג געבן צו ליינען נאר פון ערליכע מחברים.

שכח אייבערשטער אז איך פרוביר צו ליינען פון מקורות וואס מ'קען זיך ארויסלערנען דערפון, איך ליין פון אמאליגע אידן וואס האבן געלעבט מיט צדיקים. זייער כח פון אנהאלטן אידישקייט איז זיכער פון די צדיקים אין וועמענ'ס שאטן זיי האבן זיך געווארעמט כסדר.

נאך א ביכל וואס איך האב שוין זייער אסאך מאל דורכגעליינט איז "ספר הזכרונות דברי הימים למשפחת גאנץ" פול מיט הערליכע איבערלעבענישן מיט רבינו הקדוש מ'סאטמאר און הרב הגאון הגדול מקברניטי היהדות החרדית ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זכותו יגן עלינו.

גראדע איז דא אין דעם ביכל א בילד פון צוויי באוואוסטע חשוב'ע פארצייטישע אידן וואס זענען געווארן מחותנים זעכציג יאר שפעטער......

אויף זייט 199 זעט מען אין איין בילד הרב החסיד המרומם, איש האשכולות, איש חי ורב פעלים, הרב ר' נפתלי ראזענפעלד זכרונו לברכה צוזאמען מיט מיין עלטער זיידן הרב הגאון ר' שרגא שמואל שניטצלער אב בית דין טשאבא זכרונו לברכה.

זיי זענען געווארן מחותנים, ווייל מיין זון מו"ה הערשל הי"ו איז אן איידעם ביי מיין חשוב'ן מחותן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו בן הרב החסיד ר' שלום שליט"א, איידעם פון הרב ר' נפתלי ראזענפעלד זכרונו לברכה. מייסד המוסד הגדול "בית לפליטות".

רעדנדיג פון בילדער, איז דא אויף זייט 208 א בילד פון דעם פארצייטישן חסידיש'ן איד הרב החסיד המפורסם ר' זלמן לייב איינהארן זכרונו לברכה, (א געבוירענער אין סיגעט, א תלמיד פון קדושת יום טוב זכותו יגן עלינו), וואס איז אויך שפעטער געווארן א




מצבה פון רבי מיכל בער ווייס-מאנדל זצ"ל

מחותן מיט אונזער משפחה, ווייל זיין אור אייניקל מו"ה שאול חיים הי"ו האט זיך משדך געווען מיט אונז ווען זיין טייערע זון מו"ה שמעון הי"ו איז געווארן אונזער איידעם.

ר' זלמן לייב'ס זון ר' מרדכי מענדל עליו השלום האט געהאט די זכי' אז דער רבי איז געווען שדכן ביי זיין טאכטער. ער האט געוואוינט אין מילוואקי. ער איז געקומען צום רבי'ן ווען דער רבי איז געווען א שבת אין קליוולאנד. ער האט מזכיר געווען ביים רבי'ן זיין טאכטער פאר א שידוך. דער רבי האט אים אנגעטראגן הרב החסיד ר' יואל גאנץ נרו יאיר, משמש בקודש. פארשטייט זיך אז אויפ'ן רבי'נס ווארט איז דער שידוך נגמר געווארן בכי טוב און אויפגעשטעלט הערליכע שיינע דורות לשם ולתפארת.

נאך א גאר אינטערעסאנטע זאך פון דעם ביכל, וואס איך בין געווארן זייער איבערגענומען, איז ווען דער רבי האט אפגעמאכט אז זיין צייט ערלויבט נישט צו גיין מסדר קידושין זיין ביי די חתונה זאלן וואו די חתונה איז, דער רבי האט געוואלט אז מהיום והלאה זאלן די חופות פארקומען דא ביים רבי'ן, ווייל ס'נעמט אויף צופיל צייט.

עס איז שוין דורך א שטיק צייט וואס מ'האט עס געוואלט איינפירן, אבער לא אסתעיא מילתא. עס איז געווען שווער צו זאגן פאר א מחותן אז ער איז די ערשטע צו דארפן ברענגען די חופה צום רבי'ן. ווען הרב החסיד ר' אברהם ווערצבערגער זכרונו לברכה האט חתונה געמאכט זיין טאכטער מיט הרב החסיד ר' מרדכי גאנץ זכרונו לברכה האט דער רבי געפילט אז דא האט ער געטרייע תלמידים וואס וועלן זיך נישט פילן באקריוודעט, נאר וועלן זיך פרייען צו אויספירן יעדעס ווארט וואס דער רבי באפעלט.

דער רבי האט פערזענליך געבעטן פון דעם חתן'ס ברודער הרב החסיד ר' שמואל דוד נרו יאיר, משב"ק, ער זאל זיך אפגעבן מיט די איינצלהייטן, ס'זאל זיין מסודר מיט די באסעס פון און צו דעם זאל. און ס'איז טאקע אזוי געווען אז דאס איז געווען די ערשטע חופה וואס די געטרייע מחותנים האבן פרייוויליג איינגעשפארט אז דער רבי זאל נישט דארפן פארלירן צייט צו קומען צום זאל.

נאכ'ן הערן אז ס'האט זיך אויסגעארבעט שיין מיט אלע פרטים האט דער רבי געגעבן א זאג פאר זיין געטרייען תלמיד ר' שמואל דוד "איך האב געוואוסט אז דו קאנסט!"

מוהרא"ש פלעגט אלץ רעדן פון דעם אז ביי א צדיק איז דא אזעלכע וואס ווארטן אלץ פאר א גלעט, און ס'איז דא אזעלכע וואס גייען פאר'ן צדיק באש ובמים. איך ווארט נישט אויף א



גוט ווארט. איך וועל טון עד מקום שידי מגעת. דער צדיק איז מיין לעבן. ווייל איך ווייס וואס איך באקום פון אים.

מוהרא"ש פלעגט דערציילן די באוואוסטע סיפור פון הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו.

ווען דער חפץ חיים זכותו יגן עלינו האט געמאכט דעם ספר משנה ברורה האט ער יעדע סוגיא דורכגעלערנט פון די גמרא און ראשונים, ביז נאך דעם שולחן ערוך און נאך אחרונים. פון אנהייב האט ער געלערנט מיט זיין זון, נאכדעם וואס זיין זון איז נפטר געווארן, האט ער געלערנט מיט זיין איידעם.

איינמאל איז געווען א סוגיא וואס זיי האבן זיך פארטיפט במשך דריי טעג און דערנאך איז דאס אריין מיט בלויז עטליכע ווערטער אין דעם משנה ברורה.

פרעגט אים זיין איידעם, ווען מענטשן וועלן לערנען די פאר ווערטער וועלן זיי וויסן אז ס'האט אונז גענומען דריי טעג צו דערגיין די ריכטיגע וועג אין די הלכה?

זאגט אים דער חפץ חיים איך האב אמאל געזען ווי ארבעטערס אין רוסלאנד ארבעטן ביטער שווער צו בויען שינעס פאר די באן, צווישן די ארבעטערס איז געווען א טאטע מיט א זון, איך הער ווי דער זון פרעגט דעם טאטן, אין יארן ארום ווען מענטשן וועלן פארן מיט די באן אויף אט די שינעס וועלן זיי וויסן אז מיר האבן געארבעט אזוי ביטער שווער אז ס'זאל זיין שינעס פאר די באן?

זאגט אים דער טאטע, צאר פאפושקא! דער צאר איז אונזער פאטער! מיר דארפן זיין געטריי פארן צאר! קיין שום נפקא מינה צו איינער וועט וויסן און אפשאצן די הארעוואניע וואס איך האב אריינגעלייגט!

זאגט דער חפץ חיים, מיר ארבעטן פארן אייבערשטן! ער איז אונזער פאטער! קיינער מוז נישט וויסן אז מיר האבן געארבעט אזוי שווער!

צום הייליגן אמרי אמת פון גור זכותו יגן עלינו איז געקומען א חסיד פרעגן אז מ'שלאגט אים פאר א פיינע ביזנעס, ער קען שיין פארדינען. די שאלה איז נאר אז פאר די ביזנעס וועט ער דארפן פארן קיין פאריז, איז עס אויסגעהאלטן איך זאל פארן צו די מאדערנע שטאט פאריז? אדער זאל איך נישט אננעמען דעם געשעפט?

זאגט אים דער אמרי אמת זכותו יגן עלינו ער זאל יא נעמען דעם געשעפט, און פארן געזונטערהייט. אויפ'ן וועג אהיים ברענג מיר פון די בארימטע פאריז'ער ציגארן.

דער חסיד איז געפארן און שיין מצליח געווען, אויפ'ן וועג אהיים כאפט ער זיך, אוי וויי! כ'האב פארגעסן די פאריז'ער ציגארן פארן רבי'ן!

די באן האט שוין געהאלטן ביי בעלגיע, איז ער ארויס ביי די סטאנציע, געפרעגט דארט וואו איז דא פיינע ציגארן, געקויפט, און איז ממשיך זיין רייזע.

ער קומט אהיים, ער פארט צום רבי'ן, ער דערציילט פון זיין הצלחה, ער גיבט איבער די ציגארן און אנטשולדיגט זיך אז ס'איז נישט די ריכטיגע "פאריז'ער ציגארן", ווייל ער האט זיך געכאפט אינמיטן וועג צוריק, במילא האט ער בלית ברירה געברענגט נישט-קשה'דיגע ציגארן פון בעלגיע.

זאגט דער אמרי אמת זכותו יגן עלינו דו מיינסט איך דארף פאריז'ער ציגארן?! איך האב נאר געוואלט זען צו דו וועסט געדענקען אין פאריז אז דו האסט א רבי'ן! אזוי וועל איך וויסן צו דו האסט דיך אויפגעפירט ערליך אין פאריז וואו קיינער קוקט זיך נישט אום אויף דיר...... יעצט זע איך אז דו האסט פארגעסן פון דיין רבי'ן, ווער ווייסט צו דו האסט דיך אויפגעפירט ערליך אין פאריז וואו דו ביסט ווייט פון דיין סביבה.....

טאטע העלף איך זאל מיך אויפפירן ערליך אזוי ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך, רבי ר' זושא, דער בעל שם טוב הקדוש, דער הייליגער צאנזער רב קוקן יעצט אויף מיר!

ר' שמעון בר יוחאי קוקט אויף מיר! לאמיך שנעל זאגן א פרק משניות!!!



הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע אין ארץ ישראל



# מעשיות פון תפילה

## אברהם הערש וועבערמאן - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער איך האב געקענט זיין אין מירון דעם פארלאפענעם ל"ג בעומר, וואס דאס אליין איז א מעשה פון תפלה פאר זיך. אויפן פליגער אויפן וועג צוריק קיין אמעריקע האט זיך אפגעשפילט ביי מיר אן אינטערעסאנטע מעשה:

איך און מיין ווייב זענען געגאנגען שלאפן אביסל אויפן פליגער, מיר האבן אריינגעלייגט אונזערע ברילן אין איין האלטער, ווען מיר זענען אויפגעשטאנען און געוואלט צוריק אנטון די ברילן, האבן מיר באמערקט אז די האלטער פון די ברילן איז נישטא, מיר האבן אנגעהויבן זוכן די גלעזער איבעראל ווי ס'קען זיך נאר געפינען, די שכנים ארום אונז האבן אויך געהאלפן זוכן, אפילו די ארבעטער'ס אויפן פליגער האבן אויך צוגעהאלפן עס זוכן, אבער מען האט עס בשום אופן געקענט טרעפן.

אזוי איז אריבער פינף מינוט, צען מינוט, צוואנציג מינוט, א האלבע שעה, מ'האלט שוין איבער א שעה עס זוכן און מ'קען עס נישט טרעפן. מיר האבן אפגעמאכט אז נאר תפילה וועט אונז העלפן, מיר האבן געשעפשעט אפאר ווארעמע תפילות צום אייבערשטן מיר זאלן שוין טרעפן אונזערע ברילן, ווי אויך האב איך געזאגט פארן אייבערשטן אז אויב טרעפט מען עס לאזט מען איבער א מעשה פון תפלה פאר די בלעטל.

ביים סוף נאכדעם וואס די פליגער האט געלאנדעט בשעה טובה, האט מען זיך נאכאמאל פריש גענומען צו די עבודה פון זוכן די ברילן, מיין אנדערע שכן אינטער מיר האט אויך אפגעמאכט אז ער גייט העלפן זוכן די ברילן, ער בייגט זיך אראפ אינטער זיין זיץ, און יא! ער האט געטראפן די האלטער מיט די צוויי ברילן ליגן אין דעם. שכח אייבערשטער!

## עמרם רייכמאן - לעיקוואוד:

די רעדל פון מיין זון'ס בייק האט זיך צובראכן, איך האב עס פרובירט צו פארעכטן אבער איך האב נישט מצליח געווען, איך האב פרובירט אלע וועגן און ס'איז נאכאלץ נישט געגאנגען. איך מיט מיין זון האבן צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס קענען פארעכטן ווי שנעלער, מיר האבן אויך צוגעזאגט אז אויב ס'גייט פארראכטן ווערן גייען מיר פארשפרייטן די מעשה פון תפלה אין די שטעטל בלעטל.

אפאר מינוט שפעטער האט דער אייבערשטער געהאלפן, אויף עפעס א וועג איז די רעדל אנגעקומען אינעווייניג, און מיין זון האט ווייטער געקענט זיך שפילן מיט זיין מעכטיגע בייק.

## שלום אינדיג - מאנטריאל קאנאדא:

**א)** שוין א לאנגע צייט וואס איך האב די זכי' יעדע וואך צו דרוקן די וועכנטליכע גליונות און בלעטלעך און עס פארשפרייטן איבער די גאסן אין מאנטריאל.

פאריגע וואך האב איך געהאט א שטיקל פראבלעם מיט די פרינטער, עפעס האט זיך אריינגעכאפט אין די מאשין און דאס האט געמאכט אז די גליונות זאלן גרייט ווערן ממש פאר שבת ווען איך האב שוין נישט קיין צייט עס צו פארשפרייטן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די וואך זאל עס נישט פאסירן, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן אז ס'איז גרייט געווארן באצייטנס און איך האב עס נאך געקענט מפיץ זיין פאר שבת.

**ב)** שוין זייער לאנג וואס איך פרוביר צו מאכן א פראגראם פאר מיין זון ער זאל וועלן דאווענען שבת אין בית המדרש, וואס כ'האב פרובירט האט נישט געארבעט, נישט קיין קענדי'ס, נישט קיין טיקעט'ס, גארנישט, די שפילן אינדרויסן איז געווען אסאך אינטערעסאנטער. איך האב געמאכט אסאך תפילות איך זאל טרעפן די וועג מיט אים אים צו מאכן דאווענען. ביז דער אייבערשטער האט מיך אריינגעשיינט אן אינטערעסאנטע וועג וויאזוי צו רעדן צו אים, און ס'האט ברוך השם געארבעט!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז דוּ נוּצְט נִישְׁט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל וֶוען דוּ נוּצְט וֶוען דִי עֵצָה וָואלְט דִיר אַסַאךְ גְרִינְגֶער גֶעוֶוען דַיין לֶעבְּן. פְּרוּבִּיר אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - וֶועט דִיר אַלֶעס גְרִינְגֶער וֶוערְן.

אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָשׁ אִין אָנְהֵייבּ פוּן מַיין הִתְקַרְבוּת, אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַּאר מוֹהַרָא"שׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מוֹהַרָא"שׁ עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אוֹיף יִשּׁוּב הַדַעַת; אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר מְבוּלְבָּל וְכוּ', הָאט מוֹהַרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "רֶעד יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִינְף מִינוּט", (מוֹהַרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעוויזְן מִיט דִי פִינְף פִינְגֶערְס) "רֶעד יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִינְף מִינוּט וֶועסְטוּ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת אָון דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין מְבוּלְבָּל", וְכוּ'. בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מוֹהַרָא"שׁ זַ"ל אִיז אָנְוֶועזְנְד גֶעוֶוען אִין צִימֶער אֵיינֶער פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ מִיר: "מוֹהַרָא"שׁ מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן דָא פִינְף מִינוּט, דָארְט פִינְף מִינוּט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶועט וֶוערְן דֶערְפוּן אַ שָׁעָה", רוּפְט זִיךְ אָן מוֹהַרָא"שׁ זַ"ל: "נֵיין, נֵיין! 'רֶעד פִינְף מִינוּט' וֶועסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען".

דָאס זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ: פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, בֶּעט אִים: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת, אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס צוּ טוּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען** וְכוּ' וְכוּ'", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער.

לָאז שׁוֹין אָפּ מִיט דַיין עַקְשָׁנוּת; גֶעדֶענְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית כא, יב): **"כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקֹלָהּ"**, וָואס שָׂרָה וֶועט דִיר זָאגְן זָאלְסְטוּ טוּן; **דַיין וַוייבּ וֵוייסְט אוּן פַאַרְשְׁטֵייט דִיר זֵייעֶר גוּט, בֶּעסֶער וִוי דוּ פַאַרְשְׁטֵייסְט זִיךְ אַלֵיין**, וד"ל.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## יום טוב שבועות

**איין יאר פאר יום טוב שבועות האט דער ראש ישיבה ארומגעשמועסט אפאר וויכטיגע נקודות בנוגע יום טוב שבועות און געזאגט:**

**א)** דער הייליגער רבי האט געזאגט, ווער עס וועט קומען צו אים אין די דריי זמנים - **ראש השנה, שבת חנוכה און יום טוב שבועות** - וועט גערעטעוועט ווערן פונעם עונש פון עולם התוהו.

מוהרא"ש געבט אונז צו פארשטיין די באדייט פון די דריי צייטן. אז מען קומט צום רבי'ן ראש השנה - וועקט אונז דער רבי אויף פון אונזער טיפן שלאף. יום טוב שבועות באקומען מיר א שטופ און א פרישקייט צו לערנען די הייליגע תורה, דער רבי געבט אונז א וועג ווי אזוי מיר קענען זוכה זיין צו לערנען און שפאצירן בכל חלקי התורה (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו). און שבת חנוכה באקומען מיר פון רבי'ן דער זאך פון תודה והודאה, לויבן און דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס ער טוט מיט אונז.

**ב)** דער רבי האט געזאגט: **"שבועות איז דער עיקר דאס אויפזיין, און הושענא רבה איז דער עיקר דאס זאגן"**; אבער אז מען טוט נישט גוטע זאכן איז זיכער ענדערש צו גיין שלאפן. עס איז א גרויסע זאך צו זיין אויף שבועות ביינאכט, אבער אז מען רייכערט ציגרעטלעך, מען איז מחלל יום טוב, מען מאכט חבורות פון לצים, מען רעדט לשון הרע און ניבול פה - איז קיין שום שאלה נישט אז מען זאל גיין שלאפן, אזוי וועט זיין נָאֶה לָהֶם וְנָאֶה לָעוֹלָם.

**ג)** ביי מתן תורה שטייט אז די אידן האבן זיך געדארפט רייניגן פון אלע טומאות פאר מתן תורה, דארפן מיר זיך יעצט אנהייבן רייניגן, מיר זאלן זיין גרייט צו מקבל זיין די תורה.

אין אונזערע צייטן, ווען די וועלט בכלל און די ביזנעס וועלט בפרט פארלאנגט מען זאל האבן א טעלעפאן און קאמפיוטער וכדומה, דארפן מיר זען אז די טעלעפאן, קאמפיוטער און טעבלעט זאל זיין פארמאכט, מען זאל נישט זען דארט שלעכטס. די הייליגע חכמים זאגן (יומא כט:): **"הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה"**, טראכטן פון עבירות, **"קָשִׁים מֵעֲבֵירָה"**, איז ערגער ווי טון אן עבירה, רש"י זאגט: **"תאות נשים"**, טראכטן פון פרויען, **"קשים להכחיש את בשרו יותר מגופו של מעשה**; אויב מען וויל מקבל זיין די תורה - דארף מען זיין אפגעהיטן די אויגן און מחשבה.

מאך זיך א שמירה אויף די זאכן, וועסטו מקבל זיין די תורה מיט ריינקייט; אלעס וועט דיר גיין גרינגער.

# א מַעֲשֶׂה פון א צדיק

## נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵויטְן

דֶער יְרוּשָׁלַיִמ'ער רָב - רֶבִּי יִצְחָק יַעֲקֹב ווייס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - בַּעל מִנְחַת יִצְחָק. וֶוען עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן מִיט זַיין עֶרְשְׁטֶע ווייבּ פַּארְ'ן קְרִיג הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזֶען דִי מֵיידְל פַּארְן שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן, אוּן דֶער שַׁדְכָן הָאט זֵיי אוֹיסְגֶענַארְט אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר.

וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אַ וָואךְ פַאר דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר גֶעפָארְן מִיט זַיין מַאמֶע צוּ דִי שְׁטָאט וואוּ דִי מֵיידְל הָאט גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ דִי חֲתוּנָה וָואס וֶועט פָּארְקוּמֶען דָארְט אִין שְׁטָאט, וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעזֶען דִי כַּלָּה הָאט זִי גֶעזֶען אַז זִי אִיז אַ בַּעֲלַת מוּם לֹא עָלֵינוּ, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַארְ'ן חָתָן: "מֶען לָאזְט אַלֶעס אָפּ; דוּ גֵייסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בַּעֲלַת מוּם", הָאט דֶער יְרוּשָׁלַיִמ'ער רָב גֶעזָאגְט: "מַאמֶע, מֶען קֶען נִישְׁט וֵויי טוּן אַ כַּלָּה; דִי כַּלָּה גְרֵייט זִיךְ חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, קֶען מֶען אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן", הָאט זִי אִים גֶעפְּרֶעגְט: "וָואס? דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ פֶּעלֶערְדִיגֶע מֵיידְל?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ וִויל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ פֶּעלֶערְדִיגֶע מֵיידְל, אָבֶּער מֶען קֶען אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן".


רבי יצחק יעקב ווייס ז"ל גאב"ד ירושלים

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר אוּן גֶעהַאט פוּן אִיר אֵיין קִינְד; בַּיים קְרִיג אִיז זִי נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם מִיט אַלֶע קְדוֹשִׁים. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ צְוֵויטֶע ווייבּ. וֶוען זִי אִיז אַוֶועק הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט אַ דְרִיטֶע מָאל.

לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז פוּן צְווִישְׁן זַיינֶע דְרֵיי ווַייבֶּער הָאט עֶר נָאר גֶעהַאט קִינְדֶער מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע, אוּן פוּן דֶעם קִינְד אִיז גֶעבְּלִיבְּן הוּנְדֶערְטֶער אֵיינִיקְלֶעךְ. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ זֶע אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אוּן דִי אֵיין קִינְד הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַארְ'ן נִישְׁט וֵויי טוּן דִי כַּלָּה".

אַז אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין ווַייבּ, עֶר הַאלְט זִיךְ אַיין פוּן טְשֶׁעפֶּען, פוּן נִישְׁט רֶעדְן שֵׁיין אוּן עֶר בְּלָאזְט נִישְׁט אוֹיף אִיר, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נֵס אַז מֶען הָאט קִינְדֶער.

(עצתו אמונה בה"ב תשע"ט)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |



**פארזעצונג פון פריער:** אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעטוּן אִין שְׁטַארְקֶע חוּמְרוֹת, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַלֶע סָארְט אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת וָואס עֶר קֶען נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ.

***

אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרַאכְט וֶועגְן חוּמְרוֹת אוֹיף דִי וַואסֶער וָואס מְ'נוּצְט פֶּסַח, וַוייל אֶפְשָׁר קֶען אַרַיינְפַאלְן עֶפֶּעס אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אִין דִי וַואסֶער. אוּן סְ'אִיז אִים נִישְׁט גֶעפָאלְן דִי עֵצָה וָואס אַסַאךְ טוּעֶן אַז מְ'שֶׁעפְּט אָן אַסַאךְ וַואסֶער פַאר פֶּסַח אוּן מְ'גְרֵייט אָן גֶענוּג וַואסֶער אוֹיף גַאנְץ יוֹם טוֹב, וַוייל סְ'אִיז שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען רִיכְטִיג הִיטְן דָאס וַואסֶער פוּן עֶרֶב פֶּסַח אוֹיף אַ גַאנְץ פֶּסַח.

סְ'אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דִי בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען צוּ נֶעמֶען וַואסֶער נָאר פוּן אַ קְוַואל וָואס הַאלְט אִין אֵיין קְוֶועלְן, אַז עֶס קוּמְט כְּסֵדֶר אַרוֹיס פְרִישֶׁע וַואסֶער. אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא סָארְט קְוַואל, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַוֶועקְצוּפָארְן אוֹיף פֶּסַח צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט, וואוּ עֶס אִיז יָא דָא אַזַא קְוַואל.

אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַרַיינְגֶעטוּן אִין אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן פִּילֶע דִקְדוּקִים.

אוֹיךְ אוֹיף נְקִיּוֹת הָאט עֶר גָאר שְׁטַארְק מַחֲמִיר גֶעוֶוען מִיט פִּילֶע אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן גֶעטוּן גָאר ווִילְדֶע זַאכְן צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן רֵיין, בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ גֶעוָוארְן מְסוּכָּן פוּן דֶעם. אוּן דָאס הָאט אִים אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִין זַיינֶע שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן הָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, אֲפִילוּ אוּם פֶּסַח. עֶר הָאט זֵייעֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דֶעם, וּבִפְרַט דִי חוּמְרוֹת וָואס מְ'טוּט פַאר נְקִיּוֹת הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ מְשׁוּגַעַת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. מְ'דַארְף נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם צוּגֶעלֵייגְטֶע אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת ה' אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, אָן קַיין שׁוּם בַּאזוּנְדֶערֶע חָכְמוֹת, אָן צוּ זוּכְן צוּצוּלֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, מְ'דַארְף נָאר טוּן אַלֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת (זֶע מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מ"ד, אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל' אוּן סִימָן רל"ה).

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט פִּילֶע עֲבוֹדוֹת אוּן סִיגוּפִים, מִיט פִּיל טִירְחָא אוּן פְּלָאג, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זִיךְ גֶעפְלַייסְט צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַרוֹיסְגֵיין אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער צוּ רֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַסַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּצְט דָאס גֶעלְט וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אוֹיף נַדַן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט פוּן וואוּ זִיךְ מְפַרְנֵס צוּ זַיין.



סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַ וָואךְ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, בִּיז אֵיין נַאכְט הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט וָואס אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס עֶסְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אִין פֶעלְד ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ, אוּן דָארְט אִין פֶעלְד הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ פַאטְשֵׁיילֶע אָנְגֶעפִילְט מִיט בָּאנְדְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט דָאס אַהֵיימְגֶענוּמֶען אָפְּצוּקָאכְן.

מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים גָאר חָשׁוּב, וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים טַאקֶע גֶעהָאלְפְן.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶר וֵוייסְט וָואס מֵיינְט אַ רִיכְטִיגֶער בִּטָחוֹן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר וָואלְט גֶעזֶעסְן טַאקֶע אַלֵיין אִין פֶעלְד, וָואלְט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער בִּטָחוֹן, אוּן אוֹיךְ דָארְט וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים צוּגֶעשִׁיקְט צוּ עֶסְן, אוּן אַלֶע זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



# קבלת התורה

ישראל דוד העסקעל

"זוי נישט ברוגז אבער איך בין אביסל אבסעסד מיט פון שרייבן פון מיינע זומער'ס אין ברסלב!"

אזוי הייבט ר' משה ארי הי"ו אן זיין זאפטיגע וועכענטליכע ארטיקל... איך מוז מודה זיין, פון אנפאנג ווען ער האט געשריבן וועגן די זיסע בא'טעמ'טע לעכטיגע אמונה'דיגע זומער... איין וואך וועגן די שווארצע ווען און איין וואך וועגן די ווארימע באטע, כמעט יעדע וואך אבער הייבט זיך עס אן אז ס'נישטא קיין וועג ס'קוקט אויס ווי דעם זומער גייט מען עס שוין טאקע נישט מאכן... און צום סוף נאר דורך תפילה איז געלונגען צו קענען זיין נאך א זומער במחיצת דער ראש ישיבה!

אוי זענען מיינע אויגן אויסגעגאנגען די ערשטע וואך, איך האב זיך געבענקט צו עפעס וואס איך האב בכלל נישט געקענט עפעס וואס גייט שוין נישט זיין, זומער תשע"... איז שוין אין היסטאריע עס גייט שוין קיינמאל נישט צוריק קומען אבער דאך ס'איז אזוי זיס געשריבן אזוי זאפטיג אראפגעלייגט אזש ס'מאכט אזוי שטארק בענקען...

וואו בין איך דעמאלט געווען? אזוי טראכט איך צו זיך בשעתן ליינען מיט דורשט... פארוואס האב איך נישט געקענט זיין דארט? אזוי געשמאק



געזיצן אין אן אלטע אפגעריסענע כאטקע איך קען עס זעהן איך קען עס שמעקן... ביי די פערטע קאנטרי ארטיקל האב איך עס שוין כמעט געקענט טאפן...

איך קען עס קלאר זעהן, די גאנצע קאנטרי פונקטליך ווי אזוי ס'איז אויסגעשטעלט דארט ביי די זייט ר' משה ארי"ס באנגעלאו אן די סטעפס... ווייטער ארויף אויף די צוהאקטע צוזעצטע פעך איז דא דער חדר אוכל איך קען שמעקן די טשערי זייף פון די מאַפּ... גראד דערנעבן ליגט געפארקט אן אלטער גאלף קאר וואס אויב שטיפט מען עס אראפ א בארג קען זיך עס אפשר רירן...

און יענע בודקע דארט נאך די סווימינג פאל דינט אלס די שול וואו מ'קומט זיך צוזאם הערן דברי התחזקות געבן צו



טרינקען פאר די נשמה... לערנען שיעורים כסדרן... איך זע אן אלטן ברוינע עיר קאנדישן הענגען מיט א גארבידש קען פון אונטן צו כאפן אלע טראפן וואס ליעקט...

אבער קוקט מען דען אויף די באנגעלוי וואס שמעקט אביסל שימלדיג... אדער די מאסקיטאס וואס רייסן לעבעדיגע שטיקער - ווען מ'קען זיצן צוזאמען א זומער מיט אנשי שלומינו מיט דער ראש ישיבה און זיך אנפאקן די נשמה מיט רוחניות... ווער דארף דען די גשמיות....

יא דארט בין איך... אזוי שטארק בענק איך... איך זע עס קלאר איך שפיר ווי אין א חלום איך קען עס זען אבער איך בין נישט דארט...

איך בין אבער געווען דעמאלטס נישט ווייט... איך ווייס נישט פונקטליך וואו 'לעפקאוויטש' קאנטרי איז, אדער 'ערנפעלד'ס...' אבער איך בין אין יענע צייט געווען אין סאוט פאלסבורג - כ'בין זיכער אז ס'נישט צו ווייט, די חילוק איז נאר אז דארט ווי איך בין געווען (אלס בחור אין קעמפ) איז די פעך אויף וועגן נישט געווען צוהאקט נאר נייע און פריש א מחי' צו קענען דארט גיין... די בית המדרש איז געווען א ריזיגע ציגעלנע נייע בנין מיט א הערליכע מקוה!

און די עיר קאנדישן... פיינע נייע, די בעסטע וואס מ'קען נאר באקומען, ספליט יוניט'ס... און די באַנק... פרעג נישט... הערליכע שיינע בעטן מיט ספרינג מאטראצן (נישט קיין מצות אזוי ווי אלע אנדערע קעמפס) אלעס איז געווען ניי און פריש און באקוועם אויף די העכסטע סטאנדארט וואס נאר מעגליך...

אבער נישט צו יענע זומער'ס בענק איך...

****

ער זיצט דארט הויך אויף זיין כסא מלוכה און פירט פון דארט זיין מלכות... דער טראק דרייווער זיצט אויפן הויכ'ן בענקל און פירט זיין טרעקל אויף די בערג און טאָלן פון די ניו יארק סעווענטין ער האט א צעטל מיט זיינע דעסטינאציעס פאר היינט, נאך א טאג פונקט ווי אלע טעג גארנישט עפעס מער ספעציעל...

נאך עטליכע דעליווערים איז עפעס א קעמפ מיט די נאמען 'ערנפעלדס' אויף די רייע... נאכן זיך שלענגלען דעם לאנגן שמאלן געדרייטן גאס קומט ער ענדליך אן צום דעסטינאציע ער בעקט אריין זיין טרעקל אינעם פארקינג לאַט און נעמט זיך צו דער עבודה...

ס'איז אנהייב זומער ממש די ערשטע אדער צווייטע וואך פון קעמפ ער איז שוין אין די ערשטע צוויי וואכן געווען ביי עטליכע קעמפס און קאנטרים איבער די בערג... אבער אזא חורבה וואס האט זיך אים דא אנטפלעקט ביים אראפ קומען פונעם טראק אזאנס האט ער נאכנישט געזען...

ער עפענט דעם געיט אריינצוגיין אינעם קעמפ ער דרייט זיך אביסל ארום... ער זעהט שנעל איין אז די מצב אינעווייניג איז נאך אויס ערגער פון אינדרויסן... אויסגעמוטשעט שלעפט ער זיך צו צו די שולעכל כאטש מאכן א קאווע... ער עפנט דעם צובראכענעם טיר ער זעט שנעל, וואס קאווע ווען קאווע... ער קען פון דעם פארגעסן...

אויסגעמוטשעט טראכט ער כאטש א בית הכבוד לאמיך טרעפן דא... אזאנס האט ער נאכנישט געהאט... ספיידער'ס הענגען פון די דאך, וואסער גיסט זיך אויף די ערד, ס'קוקט אויס ווי דער פלאץ איז צוויי הונדערט יאר אלט...

ער קומט ארויס פון דארט מיט א





פארזויערטע פנים ער אטעמט קוים... און גראד טרעפט ער אן א אינגערמאן בערך זיין יארגאנג... און הייבט אים אן באפאלן - א מין פלאץ דאס?!? א חורבה! איך ווייס נישט ווי אזוי א איד קען בכלל לעבן אין אזא פלאץ... אז נישט קיין קאווע כאטש א געהעריגע בית הכבוד? וואס איז דאס מיט ענק?

און דא האלט מען די בחורים? דא דארף איך מאכן דעם דעליווערי? נא נא...

איר ארבעט דא אין דעם קעמפ? געבט ער א פרעג דעם אינגערמאן...

ענטפערט דער אינגערמאן [ראש ישיבה] מיט א רואיגע שמייכל - - יא!

יא איר ארבעט דא? איר האלט די בחורים אין א חורבה? אין שטאל?

דער ראש ישיבה קוקט אים אן מיט א ליבליכן שמייכל און זאגט אים - א



חורבה און א שטאל איז איינער וואס עפענט נישט קיין משניות קיין גמרא... איינער וואס גייט באלד אהיים אן גארנישט מיט ליידיגע הענט... דאס איז א חורבה און א שטאל אוי ואבוי אויף אזא איינער... ער איז פוסט ער איז ליידיג ער איז נעבעך א חורבה'דיגע הויז א שטאל פון א שטוב...

אבער דא?! דא איז נישט קיין חורבה דא איז א הערליכע פלאץ!!! דא איז אויסנאם שיין, דא פאקט מען זיך אן מיט אמונה און יראת שמים ס'איז הערליך!!!

דא זיצן בחורים, אינגעלייט און קינדער און לעבן א לעכטיגע זיסע לעבן מיטן אייבערשטן, לערנען די הייליגע תורה אויף דעם זיסן דרך הלימוד פונעם רבין וואס איז שייך שענער און בעסער פון דעם? חורבה?! חורבה איז איינער וואס לערנט נישט! וואס דאווענט נישט! וואס רעדט נישט שיין אין שטוב... דאס איז נישט קיין חורבה דא איז די שענסטע פלאץ וואס איז נאר שייך!!!

דער אינגערמאן האט געשפירט ווי א בליץ האט אים באטראפן אינמיטן העלן טאג... אויף אזא תשובה האט ער זיך שוין נישט געראכטן...

עלף יאר שפעטער...
דער איד האלט שוין נאך ש"ס נאך צענדליגע מאל משניות ער לעבט מיטן אייבערשטן!!!

****

יא אמת ווען איך ליין די זיסע נאסטאלגישע ארטיקלען פון מו"ה משה ארי' הי"ו שפירט מיין הארץ ווי ס'וויל אהין פליען... איך וויל נאר זיין דארט... אבער יעצט בין איך אין מיין הוה יעצט בין איך אין שנת תשפ"ג און יעצט גיי איך מאכן מיינע אייגענע זיסע זכרונות טאקע נישט אין עפעס א פארשימלטע קעמפ אבער אין דער זעלבע משניות'ל וואס איז דארט געווען אין דעם זעלבן חומש און גמרא וואס די אידן דארט אינעם קעמפ האבן געהאט...

איך גרייט זיך יעצט אויף מיין ערשטע שבועות זייט איך בין מקורב געווארן בחסדי השם צו היכל הקודש און איך געב א שנעלע קוק אויף צוריק... ווי אזוי זענען געווען די הכנות פאריאר צו מתן תורה און מיט וואס גרייט איך זיך יעצט דא אין היכל הקודש!

שכח אייבערשטער פאר רחמנות האבן אויף מיר און מיר ארייגלייגן אין די זיסטע פלאץ בזה העולם! אז קען זיך גרייטן אויף מתן תורה מיט הונדערטער פרקים משניות, הונדערטער בלאט גמרא איך קען שוין קויםווארטן פאר די אהההה ברכו... שכח אייבערשטער!!! ס'איז מיין יום טוב איך בין דא א מחותן!

(די מעשה האב איך געהערט פון מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו)

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




דער ראש ישיבה מיט די בחורים ביים ציון פון רבי
מאיר בעל הנס אין טבריי - שמיני תשע"ה

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

### די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
### אינעם קומענדיגן בלעטל



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרשת אחרי קדושים - תשפ"ג

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו עסן ביי דער ראש ישיבה די סעודה שבת ביינאכט די וואך פרשת אחרי קדושים.

ווען איך בין אנגעקומען זענען שוין אלע געזיצן ביים טיש, די טיש איז געווען באדעקט מיט א שיינע ווייסע טישטוך, אויפן טיש די הערליכע לייכטער, אינמיטן טיש איז געווען א שיינע האלטער מיט הדסים, ביי דער ראש ישיבה'ס פלאץ איז געליגן די חלות צוגעדעקט מיט די חלה דעקל, און אויך איז שוין געליגן די דיפס אויפן טיש צוגעגרייט אין שיינע גלאזענע טעלערס.

מען האט געזינגען זמירות, נאכדעם האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים און אויך אראפגעשיקט פאר יעדעם איינעם צו שמעקן. דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער ווייסט וואס דער הייליגער רבי זאגט, וואס באקומט מען ווען מען שמעקט הדסים שבת? די קינדער האבן געענטפערט אז דער רבי זאגט אין ספר המדות ווען מען שמעקט הדסים שבת איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך פרייטאג האט ער גערעדט אין סקול פאר די טיטשערס וואס גייען מיט טיכלעך. דער ראש ישיבה האט גערעדט דארט פון די שיינקייט און גרויסקייט פון גיין איידל אנגעטון און פון גיין מיט א טיכל. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט 'איך האב גערעדט דארט זאכן וואס איך קען נישט רעדן ברבים.'

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ביי סאטמארער רבי' אינדערהיים איידער די צווייטע וועלט מלחמה אין שטאט סאטמער איז אויך געווען אזוי, ער האט אויך נישט געקענט רעדן פון טיכלעך ברבים. אין שטאט סאטמער איז געווען צוויי שולן, ס'איז געווען די גרויסע שול פון די שטאט, און נאכדעם איז געווען דעם סאטמארער רבי'ס מנין זיינע תלמידים זיינע חסידים. יום כיפור ביינאכט ביי כל נדרי ווען סאטמארער רבי פלעגט גיין צו די גרויסע שול פלעגט ער וויינען און בעטן אז מען זאל זיך אפשערן די האר און אנטון שייטלעך, און ווען ער איז געווען אין זיין שול, ביי זיין מנין, דארט פלעגט ער רעדן אז מען זאל זיך אויסטון די שייטל און אנטון טיכלעך.



אין די גרויסע שול האט ער נאכנישט געקענט רעדן פון טיכלעך, זיי האבן עס נאכנישט געקענט הערן, צו זיי האט ער קודם געדארפט רעדן פון זיך אפשערן די האר, פון צודעקן די האר, אבער ביי זיין מנין דארט האט ער געקענט זאגן וואס ער וויל באמת זאגן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ביי די נסיעה ווען ער איז געווען ביים ציון פונעם הייליגן דברי חיים זכותו יגן עלינו, האט ער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז אלע פרויען אין די קהילה זאלן זיך אפשערן די האר. דער ראש ישיבה אט געזאגט: "נאכן נסיעה האב איך אפגעשריבן א בריוו פונעם גאנצן נסיעה, אבער דאס האב איך נישט געקענט שרייבן אין די בריוו - אז איך האב דארט אסאך געבעטן דעם אייבערשטער אז אלע בית פיגא תלמידות זאלן גיין מיט טיכלעך, אלע זאלן גיין אנגעטון אזוי ווי צאנזער רב האט געוואלט".

אינמיטן וואס דער ראש ישיבה האט דאס פארציילט, האט איין קינד עפעס גערעדט מיט א צווייטע קינד, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט שטערנג אז ווען א טאטע רעדט איז מען שטיל.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווער ווייסט ווי די וואך אויפהייבן די בעכער? ביי דער ראש ישיבה'ס הויז איז געווען א גאסט, א קליינע מיידל וואס איר מאמע האט געהאט א קינד, האט זיך איינער פון דער ראש ישיבה'ס קליינע קינדער אנגערופן אז אפשר זאל די גאסט אויפהייבן די בעכער. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז א מיידל הייבט נישט אויף א בעכער, די שיינקייט פון א מיידל

איז אז זי איז צניעות'דיג. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די וואך וועט דער בר מצוה חתן, נחמן נתן נרו יאיר, אויפהייבן די בעכער.

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש און געטיילט פאר יעדעם גרעיפ דשוס, און דערנאך האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער צו די סינק זיך צו וואשן. די מיידל, די גאסט, האט זיך אויך געשטעלט אין די רייע אז דער ראש ישיבה זאל איר וואשן, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו איר אז איר טאטע וועט איר וואשן (איר טאטע האט אויך געגעסן דארט די סעודה).

נאכן וואשן די קינדער האט דער ראש ישיבה זיך געוואשן און געמאכט המוציא אויף די לחם משנה און דערנאך האבן אלע חתונה געהאטע קינדער און געסט אויך געמאכט המוציא אויף די לחם משנה. נאכדעם האט דער ראש ישיבה אויפגעשניטן די חלה און אראפגעשיקט פאר יעדעם איינעם.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די גרויסע קינדער אז זיי זאלן גיין אריינברענגען די פיש אז מאמי זאל זיך נישט דארפן אויפשטעלן. דער ראש ישיבה האט אראפגעשיקט פאר אלע געסט טאמעטא דיפ, און דער ראש ישיבה האט א גאנצן צייט געמאכט זיכער אז זיי האבן גענוג חלה און גענוג עסן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער אז די וואך איז געווען די יארצייט פון ר' ישעי'לע פון קערעסטיר זכותו יגן עלינו, דארט איז אלעמאל געווען גענוג עסן פאר אלע געסט וואס זענען געקומען. למשל אז מען האט געהאט א זאק מיט צען בילקעלעך, און ס'איז געקומען הונדערט מענטשן, איז געווען גענוג בילקעלעך פאר אלע מענטשן, ווען מען האט אריינגעלייגט די הענט אין די זאק האט מען געקענט ארויסנעמען נאך און נאך בילקעלעך פאר יעדעם. אדער אז ס'איז געווען דארט א טאפ מיט פלייש און פאטעיטעס גענוג פאר אפאר מענטשן, האט מען געקענט ארויסנעמען פון דארט גענוג עסן פאר הונדערטער מענטשן און ס'האט זיך נישט אויסגענוצט.

אינמיטן דער ראש ישיבה האט דאס פארציילט האט זיך אויסגעגאסן א טעלער טאמעטא דיפ פון איינער פון די קינדער, ס'האט זיך אראפגעגאסן אויך אויפן פלאר, אבער די אטמאספערע איז ווייטער געבליבן זייער פרייליך, דער ראש ישיבה האט עס אויפגעוואשן און ווייטער פארציילט די מעשה.

## ווער איז געווען א גרעסערע צדיק, רבי ישעי'לע קערעסטירער אדער מוהרא"ש?

איינער פון די קינדער האט געפרעגט, ווער איז געווען א גרעסערע צדיק, רבי ישעי'לע פון קערעסטיר זכותו יגן עלינו אדער מוהרא"ש זכותו יגן עלינו? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז א עקל'דיגע זאך צו מעסטן צדיקים, אלע צדיקים זענען זייער גרויס.

די קינדער האבן געוואלט וויסן ווען רבי ישעי'לע פון קערעסטיר האט געלעבט, פאר די צווייטע וועלט מלחמה אדער נאכדעם? האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט אז ר' ישעי'לע האט געלעבט אין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה. שפעטער איז מען אריין אין א שמועס וועגן די צווייטע וועלט מלחמה, דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער וואס די דייטשע גוים האבן געטון מיט אונזערע זיידעס און באבעס, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין טאכטער רחל לאה ווען דו וועסט זיין גרויס זאלסטו נישט וועלן גיין אנגעטון ווי די גוים, זאלסט נישט שמירן די נעגל ווי די גוים, ווייל די גוים ווילן אונז נאר הרג'ענען.

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה קאמפלימענטירט זיין ווייב אז די עסן איז זייער גוט געווען, און דער ראש ישיבה איז געגאנגען ארויסטראגן די פיש טעלער.

עס האט דארט געגעסן א בחור פון ארץ ישראל, און דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט אים און אים געפרעגט וועלכע סארט פיש מען עסט ביי זיי, הייסע פיש אדער קאלטע פיש, דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער אז אין ארץ ישראל איז דא מענטשן וואס עסן שבת הייסע פיש געקאכט מיט טאמעטע זאפט.

שפעטער האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז אין זאך איז דא מער אין ארץ ישראל ווי דא, דארט איז דא אסאך מער תמימות. אבער נאך א זאך איז דא מער אין ארץ ישראל, עס איז דא מער טומאה. קען זיין וועגן ס'איז דא דארט אסאך קדושה וועגן דעם פארלייגט זיך דער יצר הרע מער במילא איז דא דארט מער טומאה.

דער ראש ישיבה האט געהייסן איינער פון די קינדער אז ער זאל ברענגען סעלצער, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון

<<<<

קינדער זאלן ברענגען מאמי'ס גלעזל און דער ראש ישיבה האט געשיקט פאר זיין ווייב גרעיפ דשוס מיט סעלצער.

דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט א מעשה אז אמאל איז א איד א עושר געקומען צום רבי'ן אז ער האט געטון אסאך עבירות און ער

**איך זאג דיר שכח אז דו האסט ניט געווארפן קיין שטיין, א שטיין וואלט מיך געקענט הרג'ענען.**

וויל תשובה טון, האט אים דער רבי געזאגט אז ער זאל יעדן טאג מאכן א גרויסע סעודה. און דער רבי האט מסביר געווען פארוואס ער הייסט אים דאס טון, ווייל ער איז א עושר, און אויב ער גייט פאסטן און ס'גייט קומען צו אים א ארעמאן וועט ער אים נישט געבן קיין סאך געלט, ווייל ער וועט טראכטן אז מען קען לעבן אן קיין סאך עסן, זעסט דאך אז איך פאסט. אבער אז ער וועט מאכן א גרויסע סעודה יעדן טאג, און א ארעמאן וועט קומען צו אים נאך געלט וועט ער אים געבן אסאך צדקה.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן זינגען זמירות, און מען האט אריינגעברענגט די זופ. אין די זופ איז אויך געליגן מייערן, דער ראש ישיבה האט זיך געווערטלט מיט די קינדער און זיי געפרעגט, מייער איז א עסן אדער א נאמען?

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך האט א אינגערמאן געגעבן פאר די ישיבה א מיליאן דאלער, ער האט געהאט א הויז אין פלארידע און ער האט עס פארקויפט און געגעבן די געלט פאר די ישיבה, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען וועט בויען מיט די געלט א נייע חדר בנין.

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט פלייש, קוגל און פערפל, און אויך זויערע פיקלס, און דער ראש ישיבה האט געבעטן אז מען זאל אויך אריינברענגען אביסל לעבער.

אינמיטן האט מען געהערט א קלאפ אין טיר, א בחור האט געוואלט אריינקומען צו די באטע, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער זאלן גיין זאגן אז ס'איז נישט דא קיין באטע היינט. אבער דער ראש ישיבה'ס ווייב האט געבעטן אז מען זאל אים יא אריינלאזן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: אדרבה, און געשיקט די קינדער אים אריינרופן.

דער ראש ישיבה האט אים אויפגענומען מיט א גרויסע שמייכל, און אים געפרעגט וואו ער האט געגעסן, און געשמועסט מיט אים. דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער אז יענע בחור'ס טאטע קומט פון תימן, און דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה ווי אזוי די סאטמארער חסידים האבן ארויסגעכאפט א גרופע קינדער וואס די ציונים האבן געוואלט טראגן אויף ארץ ישראל און זיי געברענגט קיין אמעריקע און זיי צוטיילט אין קרית יואל צווישן היימישע משפחות.

נאכדעם האט מען אריינגעברענגט די קאמפאט, און שפעטער האט דער ראש ישיבה געשיקט איינער פון די קינדער זאלן ברענגען אייסעס, דער ראש ישיבה האט גענומען צוויי ברעיקפאס און אריינגעלייגט אין זיין שטריימל און גענומען נאך צוויי ברעיקאפס אין די הענט און אזוי געטאנצן און געזינגען מיט די קינדער, ס'איז געווען זייער פריילך! נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט יעצט גייט מען טיילן ברעיקפאס פאר אלע קינדער וואס זאגן א מעשה פון תפילה. איין קינד האט געזאגט א מעשה פון תפילה, אבער נאכדעם האט שוין דער ראש ישיבה געטיילט פאר יעדעם איינעם אייסעס.

שפעטער האט מען געזינגען זמירות און דערנאך האט דער ראש ישיבה געשיקט איינער פון די גרויסע קינדער ברענגען מים אחרונים. יענע קינד האט עס אנגעפילט און עס געגעבן פאר די קליינע בעיבי יחזקאל עס צו טראגן און פארשטייט זיך אז עס האט זיך אויסגעגאסן א גאנצע וועג... דער ראש ישיבה האט אים פארגעהאלטן, פארוואס האסטו אים עס געגעבן צו טראגן? וואס האסטו געטראכט? און דער ראש ישיבה האט אים געהייסן אויפווישן ווי עס איז געווארן נאס.

דערנאך האט מען געבענטשט און נאכן בענטשן האט מען אריינגעברענגט פיינע שאקאלאד, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער אז יעדער קען נעמען צוויי שאקאלאד לכבוד שבת.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער א מעשה אז אמאל איז רבי יוסף חיים זאנענפעלד זכותו יגן עלינו געגאנגען אויפן גאס און אינמיטן האט א אראבער געשאסן אויף אים א שאלאכטס פון א באנאנע. האט ער

זיך אויסגעדרייט צו די אראבער און אים געזאגט אויף אראביש "כאט על כארפ" "א דאנק פאר דיר", פרעגט אים די אראבער פארוואונדערט, פארוואס זאגסטו מיך שכח? איך האב דאך געווארפן שלאכטס אויף דיך... ענטפערט אים די צדיק איך זאג דיר שכח אז דו האסט נישט געווארפן קיין שטיין, א שטיין וואלט מיך געקענט הרג'ענען. האט אים די אראבער שיינערהייט איבערגעבעטן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט נאך א מעשה פאר די קינדער, אז אמאל איז א ברסלב'ע חסיד געגאנגען נאך געלט ביי איינע פון די מקומות הקדושים, און די ציונים לאזן נישט דארט גיין נאך געלט, האט מען אים ארעסטירט. מען האט אים געטראגן אין תפיסה און מען האט אים אריינגעלייגט אין איין שטוב מיט אראבערס, אבער ער האט זיך נישט פארלוירן ער האט אנגעהויבן צו טאנצן מיט די אראבערס 'כלא מן אללא, כלא מן אללא!!' דאס מיינט אויף אראביש 'אלעס איז דער אייבערשטער', ער האט אנגעהויבן טאנצן מיט די אראבערס אז אלעס איז פונעם אייבערשטן. אינמיטן קומט אריין דער פאליציאנט וואס האט געהיטן דארט אויף די תפיסה און ער זאגט אים דו ביסט משוגע, דו קומסט דא פריילך מאכן יעדעם איינעם, לויף ארויס פון דא און איך וויל דיך מער נישט זען! אזוי איז ער באפרייט געווארן...

נאך א מעשה האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר די קינדער אז אמאל איז א ברסלב'ע חסיד געגאנגען התבודדות אויף די וויליאמסבורג בריק, און דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר די קינדער אז ווען מען קוקט ארויס פון די פארטש קען מען זען די בריק, און ער איז געגאנגען דארט זייער פרי פארטאגס ווען ס'איז ליידיג, דארט האט ער געקענט שרייען צום אייבערשטן אן דעם וואס איינער זאל הערן.

אזוי אינמיטן רעדן צום אייבערשטן קומט צו צו אים א גרויסע שרעקעדיגע גוי און געבט א שריי, 'מאני אר לייף!?!!' אדער געבסטו מיך דיין געלט, אדער גיי איך דיך הרג'ענען. און דער ברסלב'ער חסיד ער האלט אינמיטן רעדן צום אייבערשטן, ער ווייסט נישט פון גארנישט, הייבט ער אן טאנצן מיט דעם גוי 'דער רבי האט געהייסן פריילך זיין, פריילך זיין, פריילך זאל מען זיין!' ביז דער גוי האט אנגעהויבן מיטצוטאנצן און אים אפגעלאזט... און דא האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן טאנצן, 'דער רבי האט געהייסן פריילך זיין, פריילך זאל מען זיין!' און די קליינע קינדער האבן געזען אז מען טאנצט זענען זיי געקומען צו לויפן און דער ראש ישיבה האט געטאנצן מיט זיי אין א רינג, 'דער רבי האט געהייסן פריילך זיין, פריילך זיין, פריילך זאל מען זיין!'

א גאנצן צייט ביי די סעודה האט דער ראש ישיבה געגעבן אסאך עטענטשן פאר זיין זון וואס גייט בר מצוה האבן די וואך. שפעטער האט דער ראש ישיבה פארציילט א וויץ אז איינער האט אמאל געזאגט פאר א בר מצוה בחור אז ער וועט אים קויפן א מתנה פאר זיין בר מצוה א שירעם, ווייל א ספר ווייס איך נישט צו דו וועסט עפענען, א שירעם וועסטו זיכער עפענען...

נאכדעם האט דער ראש ישיבה ווייטער גערעדט וועגן די מלחמה, דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער אז מיר האבן געהאט זייער א טייערע באבע, די באבע רחל לאה, זי האט געארבעט אין די לאגער ביי די טויטע מענטשן. זי פלעגט זאגן איך האלט זייער שטארק פון די אידן, ווייל זי האט מיטגעהאלטן יעדן טאג ווי מען האט פארגאזט און פארברענט טויזנטער אידן, זי איז געשטאנען פון אינדרויסן און זי האט געהערט די קולות ווי די אידן אינעווייניג אין די גאז קאמערן שרייען שמע ישראל!!

דער ראש ישיבה האט גערעדט צו זיין טאכטער רחל לאה און איר געזאגט, ווען דו וועסט זיין א מאמע זאלסטו דיך נישט אנטון ווי די גוים, זאלסט נישט שמירן די נעגל ווי די גוים, זאלסט נישט וועלן אויסזען ווי די גוים, זיי האבן אונז גע'הרג'עט! און די ערשטע האבן זיי גע'הרג'עט די וואס האבן געוואלט זיין ווי די גוים.

**הייבט ער אן טאנצן מיט דעם גוי 'דער רבי האט געהייסן פריילך זיין, פריילך זיין, פריילך זאל מען זיין!' ביז דער גוי האט אנגעהויבן מיטצוטאנצן און אים אפגעלאזט...**

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע פריילעכע סעודה ביי דער ראש ישיבה שליט"א, ווי איך האב זיך געלערנט אזויפיל שיינע זאכן.

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*









ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







מנוקד חתן ש"ס
רעג. פרייז $925
יעצט פאר $799

WEEKLY
SPECIAL

## פיינע פרישע בלומען
## לכבוד יום טוב שבועות




PLUMBING SERVICE
For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
917-202-1206

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

פרשת במדבר

## חידות אפטיילונג

**וועלכע דריי מאל א יאר זענען די תלמידים פון רבי'ן געפארן צום רבי'ן?**

א. ראש השנה
ב. יום כיפור
ג. סוכות
ד. שמחה תורה
ה. שבת חנוכה
ו. פורים
ז. פסח
ח. שבועות

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

ווען ר' שמעון בר יוחאי איז געקומען צו א שטאט האט ער געזאגט מ'זאל אים טראגן צו די וואס היטן די שטאט, האט מען אים געפרעגט: "ווער היט די שטאט?" האט ער געענטפערט

**קינדער וואס לערנען תורה**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**נחמן ברוך יאקאבאוויטש נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

**ווען ר' שמעון בר יוחאי איז געקומען צו א שטאט האט ער געזאגט מ'זאל אים טראגן צו די וואס היטן די שטאט, האט מען אים געפרעגט: "ווער היט די שטאט?" האט ער געענטפערט: "קינדער וואס לערנען תורה!"**

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | כ | ה | ע | א | ב | ת | ל | א | ד | ת | ס |
| ג | ע | ז | א | ג | ט | א | י | ס | י | ה | פ |
| ו | ש | ו | א | י | ז | ב | ו | ד | ק | מ | ר |
| מ | ה | ו | ל | מ | ג | ה | ו | מ | פ | ע | ו |
| מ | א | א | ג | ע | פ | ר | ע | ג | ט | ז | ג |
| מ | ת | ס | ט | ג | ר | נ | ר | ב | מ | א | י |
| ס | ו | ט | נ | ע | י | נ | א | נ | י | נ | ה |
| ב | ר | א | ט | ע | כ | ה | ע | ו | ו | א | ס |
| צ | ה | ד | י | נ | ה | ו | ח | נ | י | מ | נ |
| ר | כ | י | ה | ט | ו | א | צ | כ | ע | ע | פ |
| ש | ט | א | ט | פ | י | ט | ד | ו | מ | ת | כ |
| ט | י | ש | מ | ע | ו | נ | ש | ו | ה | א | ט |
| ב | ר | צ | ג | ר | י | ג | ק | ט | ט | מ | ב |
| ע | ר | א | מ | ט | ל | ע | ע | ע | א | ט | א |
| ש | ל | צ | ג | י | ג | ה | י | ט | נ | ט | ג |
| ז | ק | ו | ח | נ | א | ק | י | נ | ד | ע | ר |

## טרעף די וועג

העלף נחמן נתן אנקומען
פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?






ענטפער פון פאריגע וואך

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**
**"א קאפיטל תהלים איז אזוי ווי א**
**גוטע פאנטש!"**

## לאמיר שפילן סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | | 1 | 4 | | |
| | | | | | |
| | 6 | 4 | | 2 | 1 |
| | | | | 3 | |
| 5 | | 2 | | | 6 |

## טרעף
10 חילוקים

טרעף די 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער






אויפן בילד: מעמד הדלקה ל"ג בעומר תשפ"ג - קרית ברסלב

# עצתו אמונה
בחינה

## פרשת בהר בחוקותי תשפ"ג

### פון רעכטס צו לינקס

4. ____ איז שטערקער פון נאטור, עס קען אלע טאשן
5. שטארק איז דער וואס הויבט אן ____
7. עלטערן וואס בעטן יעדן טאג פאר די קינדער וועלן זען ליכטיגע ____
10. אז מען ____ זיך די אויגן, האט מען אלעס גוטס
11. בעט דעם אייבערשטן און אידיש, און דיין שפראך, אלע דיינע ____
12. אז מען נעמט אריין אין שטוב דים אייבערשטן איז אלעס ____
13. אן דעם אייבערשטן איז יעדע ____ ביטער שווער
14. ווער עס דאנקט דעם אייבערשטן, שפירט די זיסע טעם פון ____ ____

### פון אויבן אראפ

1. וואס דו דארפסט, זאלסטו ____ דעם אייבערשטן
2. ____ קינדער קומט דורך אסך בעטן דעם אייבערשטן
3. לערן יעדן טאג דעם ____ ____, וועסטו זוכה זיין צו אלעס גוטס
6. קינדער קומט פונעם ____
8. זאג יעדן טאג ____ און גיס זיך אויס דיין הארץ
9. אז מען פירט זיך אויף שיין און מען רעדט שיין, באקומט יענער אויך ____
12. שבת איז שיין פיאות וואס איז נישט ____



# קליין און שיין



יואליש אין עמרם ראטה נ״י - קרית ברסלב
בארג סיני



משפחת אינדיג - וויליאמסבורג
בארג סיני



בית פיגא ירושלים
פייער לכבוד רבי שמעון בר יוחאי



קינדערגארטן - בית פיגא ירושלים
קינדער טאנצן ארום דעם ל״ג בעומר פייער



שיקט אריין א בילד
פון אייער קינד

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

א תלמידה בית פיגא - קרית ברסלב פארציילט:










פייגי בלום תחי' - קרית ברסלב פארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: שמעון פֿיש

אין לופטפעלד אין א שמועס מיט הרב גלאי שליט״א.


דער ראש ישיבה מיט זיין שווער שליט״א אין לופטפעלד


קרעדיט: אייזיק ראטה

בר מצוה אין מירון פון הבחור נחמן נתן נרו יאיר בן הראש ישיבה שליט״א - ליל ששי אמור


קרעדיט: אייזיק ראטה

דברות קודש פון דער ראש ישיבה׳ס טאטע גאב״ד קארלסבורג שליט״א


קרעדיט: אייזיק ראטה

דברות קודש פון דער ראש ישיבה׳ס שווער הרב מרדכי אהרן מייזליש שליט״א מווייטצען.

קרעדיט: אייזיק ראטה



תפילין לייגן אין די מערה



די בר מצוה בחור ביים זאגן די פשעטל



ביים וואונטשן מזל טוב





דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א



קרעדיט: יוסי פרערויא



תלמידי היכל הקודש ירושלים אויפן באס צום בר מצוה





מען לערנט אויפן באס

קרעדיט: שמעון פיש



מעריב אין היכל הקודש טברי' - מיטוואך אמור

קרעדיט: שמעון פיש



ביים שמועסן מיט אנשי שלומינו אין טברי'


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים ציון פון הרה"ק מטאלטשווא זי"ע אין צפת


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים ציון פון הייליגן באר מיים חיים זי"ע אין צפת


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים ציון פון ר' יצחק בן רבי נתן זי"ע אין צפת


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים ציון פון אר"י הקדוש צפת


קרעדיט: שמעון פיש

ביים ארויסקומען פון מקוה האר"י אין צפת


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביי תלמידי הבעל שם טוב הקדוש אין טברי'


קרעדיט: אייזיק ראטה

מעריב מוצאי שבת אמור אין מירון


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביי הבדלה



קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים לערנען זוהר הקדוש אין די מערה



קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים ציון פון גאב״ד קארלסבורג זי״ע אין מירון - דאנערשטאג אמור



קרעדיט: יוסי פרערויא

דברות קודש פאר די הדלקה



קרעדיט: יוסי פרערויא

ניגוני התעוררות פאר די הדלקה



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: אייזיק ראטה

פרייליכע טענץ לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה

פרייליכע טענץ אין די מערה לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים לערנען זוהר הקדוש ל״ג בעומר אינדערפרי


קרעדיט: אייזיק ראטה

אויפן וועג ארויף צום ציון


קרעדיט: שמעון פיש

שחרית אין די מערה


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים ציון פון רבי יוחנן הסנדלר


קרעדיט:אייזיק ראטה

הפצה אין מירון


קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים געבן שלום פאר הרה״ג ר׳ שמואל דוד פריעדמאן
שליט״א מח״ס שדה צופים על תלמוד בבלי וירושלמי


קרעדיט: שמעון פיש

אפשערן פון הילד נחמן נתן נ״י בן הרב שלמה שליט״א
בן הראש ישיבה שליט״א


קרעדיט: שמעון פיש

ביים זאגן די הייליגע אלף בית




ביים ארײנשרייבן אין א תהלים פאר תלמידה בית פיגא ירושלים




אין א שמועס מיטן מגיד שיעור פון ישיבה קטנה מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו




ביים באזוכן אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים ווי די קינדער האבן געמאכט סיומים







ביים פארטיילן תיקוני זוהר פאר אנשי שלומינו


קרעדיט: משה ראזענבערג





**סיומים פון די קינדער און בחורים**


קרעדיט: יוסי פרערויא

**ביים שיעור אין היכל הקודש ירושלים**


קרעדיט: שמעון פיש



קרעדיט: שמעון פיש

**ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל - מיטוואך בה"ב**

קרעדיט: שמעון פיש



דער דיין שליט״א ביים ציון פון מוהרא״ש זי״ע אין יבנאל

קרעדיט: שמעון פיש



דער דיין שליט״א ביים ציון פון רבי עקיבא אין טברי'

קרעדיט: ישראל פוקס

קרעדיט: לייבי ראטה



פרייליכע הדלקה אין שטעטל

קרעדיט: לייבי ראטה



אנשי שלומינו אין שטעטל טאנצן און שפרינגען לכבוד התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי

קרעדיט: אליעזר שמן



הדלקה אין חדר קרית ברסלב



קרעדיט: אלי ציג



קרעדיט: אלי ציג

פריילכע חתונה פון החתן תלמוד הישיבה דוד ניישטיין נרו יאיר



קרעדיט: שלמה האממער



קרעדיט: שלמה האממער

סעודת ל״ג בעומר און ריקודין אין היכל הקודש בארא פארק



קרעדיט: נפתלי זאבעל

סעודת ל״ג בעומר אין היכל הקודש קרית יואל העיס



קרעדיט: נפתלי זאבעל

מו״ה יעקב האלצער הי״ו מסיים ששה סדרי משנה צום זעקסטן מאל



קרעדיט: נפתלי זאבעל

מו״ה לוי יצחק ווערטהיימער ני״ו ביים מסיים זיין גאנץ זוהר הקדוש



קרעדיט: ישראל פוקס

תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל פאר א אויספלוג אין רח החיים פארק

קרעדיט: לייבי ראטה



ברית אין שטעטל פון הילד דוד נ"י בן מו"ה שמעון קרדווז הי"ו - מיטוואך בה"ב

קרעדיט: מנחם שטיינבערג



מען מאכט איבער דעם בריק אויף די דענמאן גאס אין שטעטל

קרעדיט: שלמה האממער



ברית אין ישיבה פון הילד נחמן נתן נ"י בן מו"ה משה איינהארן הי"ו - זונטאג במדבר

קרעדיט: שלמה האממער



דער ראש ישיבה ביים רעדן דברות קודש ביים סעודת ברית

קרעדיט: לייבי ראטה



קרעדיט: לייבי ראטה



נייע הערליכע גראסערי לאקאל אין שטעטל ווערט צוגעגרייט מיט אלע פרישע פראדוקטן

קרעדיט: לייבי ראטה



קרעדיט: לייבי ראטה



# WasteWise





**PROTECT YOUR PROPERTY FROM WILDLIFE AND KEEP YOUR GARBAGE BINS SECURE WITH OUR GARBAGE HOUSE**

Transform your messy garbage bins into a stylish and practical Garbage House. Keep your property clean and tidy while protecting it from wildlife. Upgrade your waste management with our top-quality custom garbage house today!

## ORDER YOURS TODAY
## CALL 845.637.5367

WhatsApp 718.306.2448 shlomie@kbmanagementny.com

**KB GROUP**
**property management and construction team**